ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל
## שניאורסאהן
## מליובאוויטש

## אחו״ק

יוצא לאור על ידי מערכת
"אוצר החסידים"
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה
שבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר מה״מ

# אחרי ג

א. בשייכות מיטן ענין פון פקוח נפש שטייט אין גמרא[1]: „מנין לפקוח נפש שדוחה את השבת", און די גמרא ברענגט כו"כ לימודים, און פירט אויס[2] אַז דער לימוד אויף וועלכן ס'איז ניטאָ קיין פירכא איז — פון פסוק (שב־פרשתנו[3]) „ושמרתם את חוקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" — „וחי בהם ולא שימות בהם".

איז לכאורה תמוה[4]: עס איז אַ כלל בכל התורה כולה אַז „אין[5] לך דבר שעומד בפני פקוח נפש חוץ מעבודה זרה וגילוי עריות ושפיכת דמים". איז פאַרוואָס דאַרף מען האָבן אַ באַזונדער לימוד פון „וחי בהם" אַז פקוח נפש איז דוחה שבת"?

נאָך מער: בנוגע דעם דין פון „יעבור ואל יהרג"[6] ברענגט זיך בכו"כ מקומות[7] אַז עס ווערט אָפּגעלערנט[8] פון דעם זעלבן פסוק „וחי בהם ולא שימות בהם". איז דערפון מובן, אַז דאָס וואָס די גמרא ברענגט דעם לימוד במיוחד בנוגע צו שבת, איז דאָס ניט דער זעלבער ענין (וואָס שטייט בכמה מקומות) נאָר אַ באַזונדער ענין[9], וועלכער איז שייך צו שבת דוקא — איז ניט מובן: (א) וואָס איז דער דיוק וענין מיוחד פון „וחי בהם" באַ שבת? (ב) ועיקר: דער פסוק „ושמרתם גו' וחי בהם" רעדט דאָך וועגן מצוות בכלל און ניט וועגן שבת במ־יוחד?

עד"ז דאַרף מען פאַרשטיין אין רמב"ם, וואָס אויך ער ברענגט דעם לימוד צוויי מאָל: פריער אין הל' יסודי התורה[10] זאָגט ער: כיצד כשיעמוד עובד כוכבים ויאנוס את ישראל לעבור על אחת מכל מצות האמורות בתורה או יהרגנו יעבור ואל יהרג שנאמר במצות אשר יעשה אותם האדם וחי בהם, וחי בהם ולא שימות בהם, ואם מת ולא עבר הרי זה מתחייב בנפשו; און דערנאָך אין הל' שבת[11] זאָגט ער נאָכאַמאָל: ואסור להתמהמה בחילול שבת לחולה שיש בו

1) יומא פה, סע"א ואילך. וראה גם מכילתא תשא עה"פ (לא, יג) את שבתותי. תוספתא שבת פט"ז, יג ואילך — בכמה שינויים.

2) יומא שם, ב. במכילתא שם ליתא הלימוד מ„וחי בהם", ובתוספתא מסיים (בסוף הפרק) לאחרי כל הלימודים: הא לא נתנו מצות לישראל אלא לחיות בהם שנאמר אשר יעשה . . וחי בהן וחי בהן ולא שימות בהן. וראה מנחת בכורים שם.

3) יח, ה.

4) לתוכן הקושיא שבפנים — ראה גם מפרשי הש"ס יומא שם (פה, א) — גבורות ארי, תוס' יוהכ"פ, שיח יצחק. ע"ש.

5) יומא פב, א. כתובות יט, א. וראה הערה הבאה.

6) סנהדרין עד, א: כל עבירות שבתורה אם אומרין לאדם עבור ואל תהרג יעבור ואל יהרג.

7) רש"י סנהדרין שם ד"ה יעבור (וראה גם רש"י שם ד"ה סברה וד"ה חזית). פרש"י יומא פב, רע"ב. שבת ל, רע"ב ד"ה מוטב. פסחים נג, ב ד"ה מה ראו.

8) ומפורש הוא בסנהדרין שם, ועד"ז בתו"כ (פרשתנו עה"פ) במאמר ר"י שלמד מ„וחי בהם ולא שימות בהם" (גם) לגבי ע"ז בצנעה (מנין שיעבור ואל יהרג). וכן הובא הלימוד בע"ז כז, ב. נד, א.

9) אבל בתוספתא שם ממשיך מיד לאחר הנ"ל (הערה 2) „אין לך דבר עומד בפני פקוח נפש חוץ כו'".

10) רפ"ה.

11) פ"ב ה"ג.

סכנה שנאמר אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ולא שימות בהם[12].

איז ניט פאַרשטאַנדיק (ע"ד הנ"ל בגמרא), פאַרוואָס דאַרף ער ברענגען דעם זעלבן לימוד צוויי מאָל[13]?

ב. לכאורה יש לומר: אין הל' שבת[14] איז דער רמב"ם מוסיף „הא למדת שאין משפטי התורה נקמה בעולם אלא רחמים וחסד ושלום בעולם". אָבער אין הל' יסודי התורה — לגבי אַלע (אַנ־דערע) מצוות, זאָגט ער דאָס ניט[15]. איז פון דעם פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז שייך, נוגע נאָר לגבי דעם וואָס פקו"נ דוחה שבת. און ווי דער רמב"ם איז ממשיך בנוגע לשבת: ואלו[16] האפי־קורוסים[17] שאומרים שזה חילול שבת ואסור עליהן הכתוב אומר[18] וגם[19] אני נתתי להם[19] חוקים לא טובים ומשפטים לא יחיו בהם.

וואָס י"ל די הסברה בזה: דאָס וואָס באַ כל המצות איז „אין לך דבר שעומד בפני פקוח נפש" און „יעבור ואל יהרג" — איז אַ דין מיוחד בפ"ע, ד.ה. ס'איז ניט דער פירוש אַז במקום סכנת נפשות איז ניטאָ דער חיוב לקיים המצוה — דער חיוב בלייבט, עס איז נאָר אַז פקו"נ איז דוחה דעם חיוב;

משא"כ באַ שבת זאָגט דער רמב"ם[20] „שבת לגבי חולה שיש בו סכנה הרי הוא כחול לכל הדברים שהוא צריך להן", ד.ה. ניט אַז פקו"נ איז דוחה דעם איסור מלאכה בשבת, נאָר עס מאַכט דעם שבת „כחול", לגבי חולה שיש בו סכנה איז

12) ראה מגיד משנה שם: שם מימרא דשמואל ומסקנא דגמרא שם דמהתם ילפינן לה.

13) לכאורה החילוק בין ב' ההלכות ברמב"ם (ועד"ז בש"ס) הוא:

הדין דיעבור ואל יהרג (בהל' יסוה"ת) מדבר כשנאנס על מעשה העבירה, משא"כ בהל' שבת המדובר בדחיית שבת בסכנה, גם כשהעבירה (החילול) הוא לא באונס [ונפק"מ להלכה, כמ"ש ברמב"ם הל' יסוה"ת שם דאם עבר באונס אין מלקין אותו כו' (שם ה"ד), משא"כ אם עבר ונתרפא באַ' מאיסורי התורה עונשין אותו (שם ה"ו) (ראה תשובות וביאורים (קה"ת, תשל"ד) סי' ד הערה ו*. וש"נ)]. ועד"ז יש לומר ולחלק לכאורה בכל המקומות שבפרש"י (שנסמנו בהערה 7), שמדובר שם ביעבור ואל יהרג, ולא כאשר עשיית העבירה היא ברצון —

ולכן מוסיף הלימוד ד„וחי בהם" גם בדחיית שבת בסכנת נפשות, שהיא לא במעשה אונס.

אבל מזה שברמב"ם הל' יסוה"ת שם ה"ו מתחיל „כענין שאמרו באונסין כך אמרו בחלאים כיצד כו'" — מוכח, דהלימוד מ„וחי בהם" שכתב לפנ"ז בה"א (לענין אונסין) קאי גם על „חלאים". וגם — התחלת פרק ב בהל' שבת ברמב"ם היא „דחוי' היא שבת אצל סכנת נפשות כשאר כל המצות". וראה לקמן בפנים ס"ב ובהערה 33. וראה גם תוספתא שם. ולהעיר שגם בגמרא יומא פב, א „אין לך דבר שעומד בפני פקוח נפש חוץ מע"ז גו'" הובא לענין עוברה שהריחה, ולא לענין אונסין (ודלא ככתובות שם).

14) הל' שבת שם ה"ב.

*) אגרות קודש אדמו"ר שליט"א כרך א ע' רלו. המו"ל.

15) קושיא גמורה אינה, כי ברמב"ם שם בא בעיקר לבאר דיני קדוש השם, וכהתחלת הפרק „כל בית ישראל מצווין על קידוש השם הגדול הזה כו' ומוזהרין שלא לחללו", וזה דיעבור ואל יהרג בשאר כל המצות בא בעיקר בתור הקדמה לה"ב שם (בד"א בשאר מצות חוץ מע"ז כו'. ועד"ז בשאר המצות כשמתכוין להעביר על המצות, בפני עשרה מישראל כו', או בשעת הגזירה כדלקמן שם ה"ג).

16) כ"ה ברמב"ם לפנינו „ואלו האפיקורוסים". וברמב"ם הוצאת פרנקל (ירושלים תשל"ה) „ואלו המינים". וראה רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ז ואילך.

17) כ"ה ברמב"ם לפנינו „אפיקורוסים".

18) יחזקאל כ, כה.

19) כ"ה בכתוב „וגם . . להם". וברמב"ם לפנינו „גם . . לכם". וראה רמב"ם הוצאה הנ"ל ובשינויי נוסחאות שם.

20) הל' שבת שם סה"ב.

מלכתחילה ניטאָ (בנוגע די „דברים שהוא צריך להן") דער שבת[21].

[און ווי דער מגיד משנה[22] איז מבאר דעת הרמב"ם אַז דאָס וואָס מ'זאָגט ביי שבת „וכל שאפשר לשנות משנין" אין דער מלאכה וואָס מ'טוט פאַרן חולה — איז לגבי אַ חולה שיש בו סכנה ניט געזאָגט געוואָרן, ווייל לגבי אַ חולה שיש בו סכנה „הרי הוא כחול לכל הדברים"[23], און מ'איז „מחלל לכל צרכיו אע"פ שאין במניעת דבר שעושין לו" אַ סכנה[24]].

און דעריבער זאָגט דער רמב"ם נאָכאַמאָל (בנוגע לשבת) דעם לימוד „וחי בהם ולא שימות בהם", און איז אויך מוסיף „הא למדת שאין משפטי התורה נקמה בעולם אלא רחמים וחסד ושלום בעולם" צו זאָגן, אַז בנוגע סכנת נפשות איז די משפטי התורה (באיסורי שבת) מלכתחילה ניט געזאָגט געוואָרן (ניט ווי אַנדערע איסורים וועלכע מ'איז דוחה). און דערפאַר איז דער רמב"ם ממשיך „ואלו האפיקורוסים שאומרים שזה חילול שבת ואסור עליהן הכתוב אומר . . חוקים לא טובים כו'". דערמיט איז ער מדגיש אַז די חוקים (חילול שבת) ווערן לא טוב.

בסגנון אחר: באַ שאר המצות איז דאָס בגדר דחוי', פקו"נ איז דוחה דעם איסור, משא"כ באַ שבת איז — הותרה[25]: דער איסור איז מלכתחילה ניט געזאָגט געוואָרן[26] לגבי חולה שיש בו סכנה, „הרי הוא כחול"[27].

ג. ולכאורה יש לומר אַז דאָס איז אויך דער טעם לשינויי הלשונות ברמב"ם:

אין הל' יסוה"ת בנוגע צו כל המצות ברענגט ער דעם לימוד „שנאמר במצות אשר יעשה אותם האדם וחי בהם (און ער חזר'ט איבער) וחי בהם ולא שימות בהם"; משא"כ אין הל' שבת זאָגט ער „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ולא שימות בהם" און חזר'ט ניט איבער די ווערטער „וחי בהם"[28].

והביאור:

בכל המצות איז דאָס אַ לימוד מיוחד פון פסוק, מען לערנט אָפּ פון פסוק אַ באַזונדערן דין, אַז מצות זיינען ניט

---

21) וראה צפע"נ לרמב"ם הל' שבת שם ה"א וה"ב. צפע"נ הל' מתנות עניים ע' 70. וראה בארוכה השקו"ט בכ"מ בדעת הרמב"ם אם שבת דחוי' או הותרה — אנציקלופדי' תלמודית ערך חולה ע' רנ. וש"נ. וראה גם לקו"ש חי"א ע' 347 ואילך. וראה לקמן הערה 33.

22) הל' שבת שם הי"א.

23) אבל ראה שו"ע אדה"ז או"ח סי' שכח סי"ג דמשמע שם דגם אם ס"ל דחוי' אין צריך לשנות. וראה שו"ת צ"צ או"ח סל"ח.

24) ראה מ"מ שם הי"ד. וראה ב' הדיעות בשו"ע אדה"ז שם ס"ד. ובשו"ת צ"צ שם מקשר זה בב' הדיעות אם דחוי' או הותרה.

25) ראה שו"ת אבני נזר או"ח סי' תנה ס"ג ואילך.

26) ראה ר"נ גאון שבת קלג, א עד"ז בנוגע לכמה דברים. תשובות מהר"ם אלאשקר סק"ב מר"ש ורב האי גאון. וראה לקו"ש חט"ז ע' 237 והערה 38, 39 שם.

27) ראה גם לשון הרא"ש יומא פ"ח סי"ד בשם מהר"ם (ובקרבן נתנאל שם סק"ב). רמ"א יו"ד סי' רסו סי"ד. וראה ציונים לתורה להר"י ענגל כלל כד.

28) בש"ס יומא פה, ב לענין שבת, סנהדרין שם ותו"כ ושאר מקומות שבהערה 8 נאמר „וחי בהם" פעם אחת („וחי בהם ולא שימות בהם"). ובתוספתא שם — ב' פעמים (כנ"ל הערה 2). אבל בתוספתא שם הובא מהכתוב (גם) „אשר יעשה אותם האדם", משא"כ במקומות הנ"ל.

דוחה דעם נפש פון אַ אידן, נאָר פאַרקערט, פקוח נפש איז דוחה די מצוות;

משא״כ בנוגע לשבת איז דער פירוש פון „וחי בהם ולא כו׳״ (לויטן רמב״ם) — ניט אַז מען לערנט אָפּ אַ באַזונדערן דין (פקוח נפש דוחה שבת), נאָר דער „ולא שימות בהם״ איז דער המשך הביאור פון פסוק: משפטי התורה זיינען געזאָגט געוואָרן נאָר ווען „וחי בהם״, אויב אָבער עס קען ברענגען „שימות בהם״ — איז דער איסור מלכתחילה ניטאָ.

ד. ע״פ הנ״ל, וואָלט מען לכאורה אויך געקענט מבאר זיין לשון רש״י (אין ש״ס) וואו ער ברענגט דעם לימוד פון „וחי בהם״ — אַז פקו״נ איז דוחה אַלע מצוות, זאָגט ער דעם לשון[29] „טעמו של דבר לפי שחביבה נפשן של ישראל לפני המקום יותר מן המצות אמר הקב״ה תבטל המצוה ויחי׳ זה״; אָבער ביי דעם לימוד פון „וחי בהם״ לגבי שבת (אַז פקו״נ איז דוחה שבת אויך במקום ספק)[30] איז לשון רש״י[31]: „אשר יעשה האדם המצות שיחי׳ בהם ודאי ולא שיבא בעשייתה לידי ספק מיתה, אלמא מחללין על הספק״.

ד.ה. בּאַ כל המצות זאָגט מען אַז מצד חביבות פון אידן איז „תבטל המצוה ויחי׳ זה״; משא״כ בנוגע לשבת איז דאָס ניט אַ ביטול המצוה, נאָר אַ פרט אין עשיית המצות — די עשי׳ איז געזאָגט געוואָרן „שיחי׳ בהם ודאי ולא שיבא בעשייתה לידי ספק מיתה״[32].

ה. דער ביאור הנ״ל איז אָבער ניט אינגאַנצן מספיק[33]:

דער רמב״ם זאָגט אין הל׳ שבת (כנ״ל) „הא למדת שאין משפטי התורה כו׳״, ד.ה. ער רעדט וועגן מצוות בכלל, וכפשטות הכתוב „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם״ — איז פאַרוואָס זאָגט ער דאָס ניט אין הל׳ יסוה״ת בנוגע לכל המצוות?

קומט דערפון אויס, אַז כאָטש דער לימוד („הא למדת״) איז בנוגע אַלע „משפטי התורה״, איז דאָס בעיקר מודגש בּאַ שבת,

און דעריבער זאָגט דאָס דער רמב״ם נאָר אין הל׳ שבת, און איז דאָרט אויך מוסיף די שלילה „ואלו האפיקורוסים שאומרים שזה חילול שבת ואסור עליהן כו׳״, כדלקמן.

ו. ווערט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים וואָס דער לימוד פון „וחי בהם ולא שימות בהם״ ברענגט דער רמב״ם בשבת ניט אויף דעם כלל הענין אַז פקו״נ דוחה את השבת, נאָר אויף דעם וואָס „אסור להתמהמה בחילול שבת

29) לשון רש״י יומא פב, רע״ב. ובסנהדרין שם ד״ה סברא כתב רש״י: משום דיקרה בעיניו נשמה של ישראל. ובד״ה מאי חזית: שלא התיר הכתוב אלא משום חביבות נפשם של ישראל להקב״ה. וראה פרש״י פסחים כה, ב ד״ה מאי חזית: והתורה לא התירה לדחות את המצוה אלא משום חיבת נפשו של ישראל. ושם אינו מביא הכתוב וחי בהם.

30) יומא פה, ב.

31) פרש״י שם ד״ה דשמואל.

32) לכללות הדין דפקוח נפש דוחה כל התורה כו׳ והחילוק דשבת — להעיר מתניא פכ״ד (ל, סע״ב ואילך). וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 489 ואילך. ואכ״מ.

33) נוסף על העיקר: א) הרמב״ם מתחיל „דחוי׳ היא שבת אצל סכנת נפשות כשאר כל המצוות״, דמזה משמע דדין דחי׳ דשבת ושאר כל המצות הוא גדר אחד. ב) לדעת כמה פוסקים (ראה כס״מ הל׳ שבת שם. לקו״ש חי״א שם ובהנסמן באנציקלופדי׳ תלמודית שם) דעת הרמב״ם היא ששבת דחוי׳ אצל חולה (כפשטות לשונו) ולא הותרה. וראה כס״מ שם הי״ד.

לחולה שיש בו סכנה"[34], ולכאורה: אין גמרא איז דער לימוד אויף דעם כלל הענין אַז פקו"נ איז דוחה שבת (אויך במקום ספק)[35]?

מפרשים[36] זאָגן אַז דער מקור פון דעם דין הנ"ל (דאסור להתמהמה) ברמב"ם איז פון אַ צווייטער גמרא[37]: הזריז ה"ז משובח והשואל ה"ז שופך דמים[38]. דער רמב"ם זאָגט אָבער ניט דעם לשון (אָדער בדומה לזה) ווי עס ווערט געבראַכט אין שו"ע[39]

(אַ לשון עד"ז — „והמקדים להציל הנפש ה"ז משובח" — זאָגט דער רמב"ם ערשט אין אַ ווייטערדיקער הלכה[40]),

נאָר בלשון של אסור, „אסור להתמהמה כו'". וצריך ביאור: פאַרוואָס איז דער רמב"ם משנה פון לשון הגמרא?

ז. ויש לומר, אַז מיט דעם שינוי מיינט דער רמב"ם אַרויסברענגען די הגדרה אין פקו"נ דוחה שבת: דער לשון „הנשאל ה"ז מגונה והשואל ה"ז שופך דמים" אָדער „הזריז ה"ז משובח" — ברענגט נאָר אַרויס, אַז דאָס איז אַ מעלה מצד דעם ענין ומצוה פון פקו"נ; משא"כ דער לשון (ווי דער רמב"ם איז משנה) „אסור להתמהמה בחילול שבת לחולה" ברענגט אַרויס אַז דאָס איז אַן איסור (אויך) מצד הלכות שבת. און אויף דעם ברענגט דער רמב"ם „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ולא שימות בהם" — ווייל דערפון לערנט מען עס אָפּ.

והביאור בזה: נוסף אויף דעם לימוד פון „וחי בהם" (וואָס האָט ניט קיין פירכא) כנ"ל — זיינען דאָ נאָך לימודים אין גמרא[41], ומהם[42] — וואָס ברענגט זיך[43] אויך להלכה[44] — פון „ושמרו בנ"י את השבת"[44*], אמרה תורה חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה.

און פון די נפקא מינה'ס צווישן די צוויי לימודים

[נוסף ע"ז וואָס: א) דער לימוד פון „ושמרו . . חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה", איז אַ דין פרטי בנוגע צו שבת, משא"כ „וחי בהם" איז (אויך, כנ"ל) נוגע לכל המצוות. ב) מצד דעם לימוד פון ושמרו קומט אויס, אַז די סיבה איז צוליב שבת אַליין — „כדי שישמור שבתות הרבה" (ובלשון רש"י[45]:

34) ראה מגיד משנה (נעתק לעיל הערה 12). ומדבריו משמע שס"ל שהכתוב ברמב"ם קאי על עיקר ההלכה שמחללין שבת על חולה שיש בו סכנה (וכבש"ס). אבל לפי זה הו"ל להרמב"ם להביאו בתחלת הפרק כנ"ל. וע"ד הלשון בקרית ספר הל' שבת רפ"ב.

35) וכן הובא בשו"ע אדה"ז או"ח שם ס"ב.

36) ראה מ"מ והגהמ"י לרמב"ם שם.

37) ראה ירושלמי יומא פ"ח ה"ה. וראה יומא פד, ב.

38) כן הובא במ"מ. ובהגהמ"י „הנשאל ה"ז מגונה והשואל ה"ז שופך דם".

39) או"ח סשכ"ח ס"ב. ועד"ז בשו"ע אדה"ז שם.

40) פ"ב הט"ז. וראה שו"ע שם סי"ג.

41) יומא פה, סע"א ואילך. ועד"ז במכילתא ותוספתא שם.

42) יומא שם, ב.

43) וראה שבת קנא, ב.

44) רמב"ם הל' ממרים פ"ב סה"ד. וראה רמב"ן (תוה"א ענין הסכנה הובא בר"ן יומא שם פ"ח ד"ה וכתוב) לענין הצלת עובר דאפילו „פחות מבן מ' יום שאין בו חיות כלל מחללין" משום „שמא ישמור שבתות הרבה", ע"ש. וכן הובא בשו"ע אדה"ז שם סו"ס שו (וש"נ. וראה קו"א שם). תניא פכ"ד שם. ועוד. וראה שאילתות שאילתא א ובהעמק שאלה שם אות ח. [וע"פ לשון הרמב"ן (ר"ן) הנ"ל (וראה מ"ש בקו"א שם), יש להעיר בדבריו בנוגע ל„ספק סכנת העובר"]. וראה גם הנסמן בהערה *46. ואכ"מ.

*44) תשא לא, טז.

45) יומא שם ד"ה ושמרו. וראה תוס' יוהכ"פ ושיח יצחק הביאור בדברי רש"י.

כדי לעשות שבתות אחרות יזהרו בשבת זו בקיום שמירת שבתות הרבה)[46], משא״כ מצד וחי בהם איז דאָס ניט צוליב דעם קיום המצוות פון דעם אידן, נאָר צוליב דער הצלת נפש מישראל[46*]]

איז אויך אַ חילוק אין דעם גדר החילול: מצד חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה — כולל ווי דער אור החיים[47] זאָגט „וללמדך שאין זה חילול אדרבה זה קרוי שמירת שבת״ (אָבער דאָס וואָס „קרוי שמירת שבת״ איז דערפאַר וואָס דער חילול איז צוליב דער מצוה פון שבת, שמירת שבתות הרבה),

איז די „מעשה״ בשבת זו — אַ פעולה פון חילול שבת, נאָר אַזאַ חילול אין וועלכן מ׳איז מחוייב מצד מצות שבת בכלל[48] — „שבתות הרבה״[49];

משא״כ מצד „וחי בהם ולא שימות בהם״ איז: א) ער רעדט וועגן קיום המצוות בכלל, ב) דער לימוד איז (ניט בנוגע מעשה החילול, נאָר) בנוגע קיום המצוות — דאָס איז אַ פרט אין קיום המצוות, ובנדו״ד — קיום מצוה פון שמירת שבת.

ד.ה. חילול שבת במקום סכנת נפשות, איז ניט נאָר אַז דאָס איז ניט חילול שבת, נאָר די עשי׳ איז קרוי שמירת שבת, די עצם מעשה החילול צוליב פקו״נ — איז ענינה שמירת[50] שבת[51].

ח. די הסברה בזה:

בײַ שבת שטייט[52] את שבתותי תשמרו כי אות הוא ביני וביניכם לדורותיכם לדעת כי אני ה׳ מקדשכם, און רש״י טייטשט[52] „אות גדולה היא בינינו שבחרתי בכם בהנחילי לכם את יום מנוחתי למנוחה״[53].

און וויבאַלד אַז תוכן מצות שביתת שבת איז „אות היא ביני וביניכם — שבחרתי בכם״, איז בשעת אַ איד שטייט במצב פון סכנת נפשות, פעלט אין דעם

46) וראה מאירי יומא שם, א דגם לגבי חיי שעה מחללין „שבאותה שעה ישוב בלבו ויתודה״. ובתוס׳ יוהכ״פ שם, ב ד״ה ר״ש בן מנסיא כתב: שישמור שבתות הרבה לאו דוקא אלא ר״ל ציווים הרבה כו׳ ובחיי שעה דאדם הוא חי עושה כמה מצות והם הנקראים שבתות הרבה. וראה אוהלי יוסף דיני קדוש השם סכ״ג ס״ק ריב. ולהעיר מאוה״ח תשא שם. שו״ת חת״ס יו״ד סרמ״ה ד״ה והנה לשון. וראה מנ״ח מצוה לב במוסך השבת בסופו במ״ש בדברי האוה״ח. ואכ״מ.

46*) ראה בית מאיר לשו״ע או״ח סש״ל. שו״ת חת״ס או״ח ספ״ג.

47) תשא שם, יג. אבל על הפסוק את שבתותי תשמרו.

48) שלכן (אפילו את״ל שגם מצד זה מחללין על חיי שעה) הוא רק בשביל „שישמור שבתות הרבה״ (וכיו״ב) — כנ״ל הערה 46, ולאוה״ח שם צ״ל בפועל „בגדר עמוד לעשות . . יגיע לשבת לשומרו״, עיי״ש. משא״כ מצד „וחי בהם״, כדלקמן.

49) וראה מפרשים הנ״ל לפרש״י יומא שם.

50) עפ״ז יש לומר דאין זה שייך להשאלה אם שבת דחוי׳ או הותרה (ראה לעיל הערה 33 שלכמה פוסקים דעת הרמב״ם היא ששבת דחוי׳ אצל פקו״נ) — כי לב׳ האופנים אפשר לפרש דהעשי׳ הוי ענין של שמירת שבת, אלא שחלוקים הם באיזה אופן הוא, דחוי׳ או הותרה — כחילוקים המובאים בפוסקים (ראה לעיל הערה 23, 24. וראה אנציקלופדי׳ תלמודית שם).

51) בסגנון אחר: בכל המצות מודגש רק שהדין „וחי בהם״ הוא דין מיוחד לעצמו „ולא שימות בהם״, ולא שהוא חלק (פרט) בהמצוות; משא״כ בנוגע לשבת מודגש שהוא חלק ופרט דמצות שבת (ולא רק דין כללי ד„וחי בהם״). וראה לקמן ס״ח.

52) תשא שם.

53) להעיר גם ממכילתא תשא שם, יד: מגיד שהשבת מוספת קדושה על ישראל מה לפלוני חנותו נעולה כו׳. וראה מפרשים שם.

עצם ענין פון שבת, און במילא, בשעת מ'איז מחלל שבת צוליב פקו"נ, איז ניט נאָר וואָס מ'איז מקיים אַ מצוה פון פקו"נ, נאָר מ'איז דערביי מקיים (אַן ענין עקרי פון) שמירת שבת — דעם אות היא ביני וביניכם.

דער „אות" ווערט ניט נאָר דורכן נפעל — דערמיט וואָס מ'האָט מציל געווען אַ נפש מישראל (דורך וועמען עס ווערט די מציאות פון אות דשבת), נאָר נאָכמער — דער עצם מעשה החילול ברענגט אַרויס דעם אות „ביני וביניכם": בשעת מ'איז מציל אַ נפש מישראל וואָס שטייט בסכנה בשבת, איז דורך דעם חילול שבת להצלתו איז מען מקיים, שטאַרקט מען דעם אות ביני וביניכם — אַז דער אויבערשטער איז בוחר אין אידן. שבת הייסט, אַז מ'דאַרף טאָן די פעולה (פון חילול שבת) צוליב איד, צוליב „אות היא" (מיט וביניכם — נפש פון אַ אידן).

און דעם ענין לערנט מען אָפּ פון „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ולא שימות בהם" וואָס רעדט וועגן מצוות בכלל — ווייל דער ענין הנ"ל איז באמת אין אַלע מצוות. און ניט נאָר ווי דער לשון החינוך[54] „לפי שסבת עשיית המצוה הוא האדם וקיום הסבה הוא קיום הכל" (וואָס דערפאַר „דוחין הכל מפני הצלת נפשות וכל הזריז לחלל שבת ה"ז משובח"[55]), נאָר אויך ומטעם החינוך עצמו — ווייל אַלע מצות איז סיבתן „הוא האדם" און אַלע זיי זיינען בתוכנם אַן אות צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן, אַז הקב"ה בחר בהם;

במיוחד ובמפורש אָבער, אַלס אַ תוכן מיוחד פון דער מצוה — שטייט דאָס בשבת דוקא. און דעריבער איז אויך דער לימוד פון „וחי בהם", אַ לימוד מיוחד באַ שבת — פקו"נ דוחה שבת.

ט. עפ"ז איז אויך מובן וואָס דער רמב"ם זאָגט (לגבי דעם לימוד מיוחד הנ"ל בנוגע לשבת) „ואסור להתמהמה בחילול שבת לחולה שיש בו סכנה שנאמר אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ולא שימות בהם", און לערנט דערפון אָפּ בנוגע אַלע משפטי התורה — „הא למדת שאין משפטי התורה נקמה בעולם אלא רחמים וחסד ושלום בעולם":

דערמיט מיינט ער אָפּלערנען אויך לגבי אַלע משפטי התורה, אַז ניט דער פירוש איז אַז במקום סכנה זיינען די מצות ניט געזאָגט געוואָרן, אַז מ'איז אין זיי דעמאָלט ניט מחוייב, נאָר דער פירוש איז — אַז די „משפטי התורה"[56] גופא זאָגן, אַז במקום סכנה איז משפטי התורה צו מציל זיין דעם נפש (ווייל אַלע משפטי התורה בכלל זיינען „רחמים וחסד ושלום בעולם"[57]).

אָבער דער רמב"ם זאָגט עס לגבי שבת און מ'לערנט עס אָפּ פון שבת, ווייל בגלוי ומודגש איז דאָס בשבת, כנ"ל.

וע"פ הנ"ל וועט אויך ווערן פאַרענטפערט קושית המפרשים[58], דלכאורה: דער פסוק „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" רעדט דאָך וועגן דעם אדם

---

54) מצוה לב (במצות שביתת שבת).

55) לשון החינוך שם.

56) כי הכוונה במשפטי התורה כאן בפשטות היא לא לעונשי התורה, כ"א לדיני ומצוות התורה בכלל, עדמ"ש ברפי"א מהל' מלכים.

57) ולהעיר מרמב"ם סוף הל' חנוכה.

58) ראה מפרשים הנ"ל הערה 4 ליומא שם.

עצמו. איז בשלמא דאָס וואָס מ'לערנט דערפון אַפ̇ אַז (בכל המצוות) „יעבור ואל יהרג", ועד"ז אַז אַ חולה שיש בו סכנה מעג ער בעצמו מחלל שבת זיין, איז מובן; פון וואַנעט ווייס מען אָבער אַז דאָס גייט אויך לגבי אַנדערע אידן, אַז זיי זיינען מצווה מחלל שבת זיין אויף ראַטעווען אַ (צווייטן) אידן[59]?

וע"פ הנ"ל מובן: מיט דער עצם הצלה פון דעם אידן, איז וועלכער איד זאָל עס נאָר טאָן — איז ער דערמיט מקיים דעם אות צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן.

יו"ד. ע"פ כל הנ"ל יש לבאר אויך די שייכות דערפון צו שבת פאַר פסח, שבת הגדול (וואָס בשנה זו (תשד"מ) איז ער חל בשבת דפרשתנו — פ' אחרי):

דער טעם וואָס דער שבת ווערט אָנגערופן „שבת הגדול" ברייננגט דער אַלטער רבי אין שו"ע[60], וז"ל: שבת שלפני הפסח קורין אותו שבת הגדול לפי שנעשה בו נס גדול שפסח מצרים הי' מקחו מבעשור לחדש . . ואותו היום שבת הי' . . וכשלקחו ישראל פסחיהם באותו שבת נתקבצו בכורי מצרים אצל ישראל ושאלום למה זה הם עושין כך אמרו להם זבח פסח הוא לה' שיהרוג בכורי מצרים הלכו בכוריהם אצל אבו־תיהם ואל פרעה לבקש מהם שישלחו את ישראל ולא רצו ועשו הבכורות עמהם מלחמה והרגו הרבה מהם . . וקבעו נס זה לזכרון לדורות בשבת וקראוהו שבת הגדול.

ד.ה. די עשיית מלאכות[61] (בשייכות מיט „מקחו מבעשור לחודש" שהי' בשבת) פון אידן אין יענעם שבת, וועלכע האָט געבראַכט זייער אמירה צו די בכורי מצרים „זבח פסח הוא לה' שיהרוג בכורי מצרים" — האָט דאָס גופא אויפגעטאָן, אַז ניט נאָר האָט מען די אידן ניט אָנגערירט[62], נאָר נאָכמער: די בכורי מצרים זיינען געגאַנגען מאָ־נען „שישלחו את ישראל", ביז — אַז „הרגו הרבה מהם", פון „אבותיהם".

ויש לומר אַז (אויך) דעריבער ווערט דער שבת אָנגערופן „שבת הגדול" — דאָ איז געווען אַן ענין פון גדלות אין שבת: מצד דער הצלה (ובאופן של נס) פון אידן, ווערט אַ גדלות אין שבת, וועלכע איז אַן אות „ביני וביניכם" — אַז דער אויבערשטער האָט אין זיי (אידן) בוחר געווען.

(משיחת ש"פ מצורע וש"פ קדושים תשמ"א)
לקו"ש חכ"ז

59) וראה התירוץ בתוס' יוהכ"פ שם. קרית ספר לרמב"ם הל' שבת רפ"ב. לבוש ואלי' רבה או"ח ר"ס שכח.

60) הל' פסח ר"ס תל. וראה המקורות כו' ובביאור דברי השו"ע — לקו"ש חי"ז ע' 57 ואילך. וש"נ.

61) ראה לקו"ש שם ע' 58. וש"נ.

62) ענין הנ"ל מודגש עוד יותר בטעם הב' בדעת זקנים מבעה"ת בא יב, ג; טור שם (ועוד) — דכל הנס הוא ע"ש ההצלה כו' דבנ"י. עיי"ש (ובעוד מקומות שציינו בלקו"ש חי"ז שם).

. . . במענה למכתבו מב׳ מ״ח בהערותיו על הנדפס בקובץ ליובאוויטש שנה ה׳ חוברת א׳ מחלקת תשובות וביאורים*, במ״ש בתניא פרק כ״ד מענין פקוח נפש,

ואינו מבואר כל הצורך במכתבו — במה שרוצה לפרש פקוח נפש דהיינו ענין יסורים, באם כוונתו ליסורים שסופם מיתה או לאו דוקא. ובכל אופן, הנה נוסף על שעצם הביטוי פקוח נפש במשמעותו רק ענין קיום נפש והעדרה, הנה מוכח זה בפירוש בכמה סוגיות בש״ס, ובנין אב לכולם (יומא פ״ה ע״א) ובשני הקצוות, דבספק מיתה דוחה את השבת, אף אם אין שם יסורים. ובמקום יסורים בלא מיתה, אין נדון כלל באותה הסוגיא, וכדמסיים — חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה. ועד״ז בשאר מקומות בש״ס.

(ממכתב יב׳ מ״ח תשי״ח)

*) נדפס גם בלקו״ש חי״ז ע׳ 489. המו״ל.

. . . בחידושים עה״ת. (רד, א) בפי׳ מרז״ל אם ברור לך הדבר כאחותך שהיא אסורה לך אומרהו (סנה׳ ז, ב) אחותך דוקא כו׳. וראה מרגלית הים (להר״ר מרגלית שם) עוד כמה פי׳. ולפענ״ד בכמה מהם צע״ג כי: א) יש דוגמתם עוד בכו״כ איסורים (כולל הפי׳ דכיון דילפינן מזה דין — מוכח דברור הוא. ובזה גופא דאין עונשין מה״ד, הרי הביא בספרו המכילתא דגם מכריית בור ילפינן זה). ב) מדמוסיף „שהיא אסורה לך" ומזה דל״ק בקיצור „כאיסור אחותך" משמע שצ״ל כהברירות א) שהיא אחותך (וכפי׳ הר״ח) ב) שאחות אסורה,

אבל לא נאמר כאן נפק״מ הַאסורה מן הדין או מקרא וכה״ג.

כן יש לדייק בלשונו כאן ברור (משא״כ בקדושין ל, סע״א ובספרי דברים ו, ז. וראה בתורה תמימה שם). — ולהעיר ממרז״ל שקדמו ברור כו׳ כבוקר שגם בוקר הוא מל׳ בקרו כו׳.

ולכן נ״ל וע״ד פי׳ החדא״ג: ברור (מל׳ ברירה — בין סברא לסברא ושתיהן חזקות דוקא) ודוקא באיסור אחותו „מברר" קרא ופוסל סברא הכי חזקה: נישואי איש ואשה הרי צ״ל בדוגמת יצירך בג״ע מקדם אשר „מאיש לוקחה זאת" ולכן קדימה דוקא לנישואי אחותו שהיא חצי בשרו.

אלא שהדוגמא בשלימותה כשהיא אחותו מן (האם ו)האב ובזה צ״ל בירור.

והנה עוד סברא ע״ד הנ״ל שהעולם נברא באופן כזה שהי׳ מוכרח להיות נישואי אחותו (ירוש׳ יבמות פי״א ה״א) או נישואי אמו (חוה).

כן גם בנוגע לאמו — ה״ה (עובר) ירך אמו אלא שנפרד לאח״ז וכעצם מעצמי דאדה״ר.

אבל אינו דומה לגמרי לאחות — כי בפועל הי׳ קיום העולם ע״י נישואי אחות, אחות היא חצי בשרו דהאח כדוגמת אדם וחוה, משא״כ באם שהוא בהיפך.

ולהעיר ג״כ מפרש״י יבמות (סב, סע״ב) ומסנה׳ (קג, סע״ב) כלום יש לך הנאה כו׳.

וע״פ כהנ״ל יובן שיש מקום לומר ג״כ ברור כאמו — וכהשאילתא משפטים (הובא במרגה״י שם).

ולהעיר מברכות (נח, א) הבא על אמו כו׳ אחותו כו׳.

ואין להאריך עוד*.

ועיין ס׳ המצות לאדמו״ר הצ״צ מצות עריות — דברים נפלאים.

(ממכתב כ״ו תמוז, תשל״ג)

---

*) לאחז״מ: צע״ק בהנ״ל מהל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב ס״ג.

# כג.

ע"פ האמור לעיל האָט מען אַרויס כמה לימודים בנוגע צו דער עבודה פון אידן צו ברענגען די גאולה, און ווי מ'דאַרף זיך גרייטן צו דער גאולה – שטייענדיק איצטער ממש בסוף זמן הגלות, „גולה", און האַלטנדיק אָט אָט באַ דער גאולה.

. . . די עניני העולם עצמו און די אוה"ע עצמם (אויך בזמן הגלות) זיינען (באמת) מסייע צו דער עבודה פון ברענגען די גאולה.

ויש לומר, אַז שטייענדיק בסוף זמן הגלות, סמוך צו דער גאולה – קומט אַרויס דער סיוע בגלוי יותר.

ווי מ'זעט עס אין די דורות האחרונים במיוחד, און נאָכמער – אין דעם זמן האחרון, ובפרט אין די לעצטע טעג ממש:

אין די דורות שלפני זה האָבן (רוב) אידן געלעבט אין מדינות וואו עס זיינען געווען מניעות ועיכובים וכו' (לא תקום פעמיים[1]) צו עבודת ה' בכלל.

משא"כ בדורות האחרונים – לעבן (רוב) אידן אין מדינות וואו עס הערשט אַ מלכות של חסד, אָנהויבנדיק פון מדינה זו (וואו עס געפינען זיך רוב מנין ובנין פון אידן), וואָס איז מסייע אידן צו דערגרייכן אַ גאולה פנימית בעבודתם, ביז – אַז זיי זאָלן טאָן די עבודה וואָס וועט ברענגען די גאולה כפשוטה, און דעמולט וועט דער מלכות (של חסד) אויך מסייע זיין אידן צו זיך אומקערן אין ארץ ישראל (בלשון הכתוב[2]: והביאו את כל אחיכם גו').

און בשנה האחרונה זעט מען ווי דער יחס צו אידן איז נתפשט געוואָרן אין נאָך מדינות, ביז אויך במדינה ההיא, וואו עס זיינען (ביז

---

1) ל' הכתוב – נחום א, ט. וראה לקו"ש חכ"ג ע' 306 הערה 55.

2) ישעי' סו, כ.

לאחרונה) געווען הגבלות בנוגע צו דער חירות פון אידן בעבודתם בתומ"צ און אויך בנוגע צו זייער אַרויסגיין ממדינה ההיא – איז זייער יחס איצטער איבערגעקערט געוואָרן, אַז זיי לאָזן אידן מקיים זיין תומ"צ, און לאָזן אידן אַרויס פון דאָרט (אָן די הגבלות פון אַמאָל), ואדרבה – זיי זיינען נאָך מסייע די אידן צו פאָרן אין ארץ הקודש. מעין הכנה צו דער סיוע פון אוה"ע אַז אידן זאָלן אַרויסגיין פון גלות און גיין אין ארץ הקודש בגאולה האמיתית והשלימה.

נוסף צו דעם סיוע ישר פון אוה"ע צו אידן – זיינען אויך דאָ ענינים אין וועלכע מ'זעט ווי אוה"ע אַליין טוען פעולות של טוב וחסד, וואָס איז נאָכמער מגלה ווי יש בעה"ב לבירה זו[3], אַלס צוגרייטונג צו „והיתה לה' המלוכה"[4] בגאולה האמיתית והשלימה,

ניט ווי ס'איז געווען אַמאָל, אַז דוקא עם ישראל (אע"פ וואָס „אתם המעט מכל העמים"[5]), האָט משלים געווען בפועל די כוונה פון דירה בתחתונים, און אחדות פון מלכיות אוה"ע האָבן זיך געפירט באופן אכזרי איינער צום צווייטן, און האָבן זיך בעיקר מתעסק געווען אין תועלת עצמן, אָדער אין כובש זיין אַנדערע מדינות וכיו"ב.

צווישן די ענינים גלויים וואָס זיינען צוגעקומען בימים אלו ממש וואו מ'זעט ווי עולם און אוה"ע גרייטן צו און זיינען מסייע די וועג צו דער גאולה – דורך דעם ענין פון צדקה און חינוך, צוויי יסודות עיקריים אין ישובו של עולם, „לשבת יצרה"[6]:

ס'איז ידוע ומפורסם (אין אַלע צייטונגען) וועגן די מאורעות בימים האחרונים – אַז די מדינה (וואָס איז מיוסד אויף צדקה וחסד,

---

3) ראה ב"ר רפל"ט.

4) עובדי' בסופו.

5) ואתחנן ז, ז.

6) ישעי' מה, יח.

כידוע) האָט אויסגענוצט איר שטאַרקן כח צו אַרויסהעלפן און ראַטעווען מענטשן במקום רחוק בעולם (ווייט אַוועק פון דער מדינה), אע"פ וואָס דורך דעם קומט ניט אַ תועלת ישרה צו תושבי מדינה זו:

די מדינה האָט געשיקט אַ ריבוי מענטשן און אנשי חיל פון איר אַרמיי צו אַרויסהעלפן די פליטים אין יענע ערטער, צוזאַמען מיט עסן און קליידער און רפואות. אַנשטאָט נוצן די אוירונים אויף עניני כיבוש, און אַנשטאָט נוצן די עסן און קליידער פאַר די בירגער פון דער מדינה — נוצט מען זיי אויף ראַטעווען אומגליקלעכע מענטשן, ובפרט קליינע קינדער, פון קעלט, ביז פון היפך החיים.

וואָס דערביי זעט מען די רחמנות פון תושבי מדינה זו: בשעת זיי האָבן געהערט און געזען ווי מענטשן ליידען — איז הגם אַז זיי זיינען ניט זייערע קרובים, און האָבן מיט זיי קיינמאָל קיין שייכות ניט געהאַט — איז די מדינה נתעורר געוואָרן צו זיי העלפן. בהתאם צו דער שיטה פון מדינה זו בעניני צדקה, אַז מ'העלפט אַרויס מענטשן בכל העולם כולו, און מען וואַרט אפילו ניט אַז מ'זאָל בעטן הילף.

עד"ז איז אויך ידוע אַז בימים האחרונים איז מנהיג מדינה זו אַרויס מיט אַ הכרזה והוראה מפורטת בנוגע צו חינוך הנוער. בהתאם לזה וואָס בתחלת נשיאותו האָט ער מכריז געווען אַז זיין שאיפה איז צו געדענקט ווערן אַלס דער „עדזשוקיישען (חינוך) פרעזידענט", צוליב די פעולות ושינויים גדולים לטוב וואָס ער וועט איינפירן צו מחזק זיין דעם חינוך אין דער מדינה.

. . . וכל זה איז — נוסף צו נאָך כמה ענינים וואָס פּאַסירן בהשגחה פרטית מדי יום ביום, סיי בנוגע צו דעם כלל און סיי בנוגע צו יעדערען אין זיינע ענינים פרטיים — און די כוונה בזה איז, אַז דאָס זאָל נאָכמער מגלה זיין ווי וועלט איז מסייע צו מאַכן אַ דירה בתחתונים און ברענגען די גאולה,

[כולל – דאָס וואָס בשבוע האחרון האָט מען געפונען בפינה נידחת בעולם אבנים טובות ומרגליות, ע״י ברכתו של הקב״ה [בדוגמת „והנשאם הביאו את אבני השהם ואת אבני המילואים לאפוד ולחושן״[7] (פאַר די בגדי כהונה), אַז די ענגים הביאום[8]], און די כוונה בזה איז – אַז מ׳נוצט דאָס אויס אויף קישוטי כלה, מוסיף זיין אין צדקה, כנ״ל].

די מסקנה פון האמור לעיל בנוגע לפועל:

די גאולה קומט דוקא דורך דער עבודה אין גלות, פון מגלה זיין אלופו של עולם אין „גולה״, אַזוי אַז דור זה, דער דור האחרון אין גלות, וועט זיין דער דור הראשון פון גאולה.

און דער אויבערשטער העלפט אַז מ׳זעט אין די מאורעות האחרונות בעולם ווי די וועלט אַליין איז מסייע און פירט צו דער גאולה.

ובפשטות מיינט דאָס – כנ״ל – אַז יעדער איד דאַרף מוסיף זיין אין „מעשינו ועבודתינו״ בכלל וועלכע ברענגט די גאולה, כולל ובמיוחד – ווי גערעדט בהתוועדות שלפנ״ז – אין לימוד התורה בעניני גאולה, אין תושב״כ (וואָס „כל[9] הספרים מלאים בדבר זה״), און תושבע״פ, משנה וגמרא ומדרשים וכו׳.

(משיחות ש״פ אחרי־קדושים, י״ג אייר תנש״א)

---

7) ויקהל לה, כז.

8) ת״י עה״פ.

9) רמב״ם הל׳ מלכים פי״א ה״ב.

**לזכרון**

הו"ח אי"א נו"מ ובעל מדות **ישראל ארי' ליב**

אחיו של הו"ח אי"א נו"מ ובעל מדות **דובער** הי"ד

בניו של הרה"ג והרה"ח ומקובל רב פעלים לתורה ולמצות

ורבים השיב מעון **לוי יצחק**

דור רביעי לכ"ק **אדמו"ר הצמח צדק**

נפטר י"ג אייר ה'תשי"ב

**ת' נ' צ' ב' ה'**

**אחיו של כ"ק אדמו"ר מה"מ**